# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת ויקהל פקודי תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 475



בני אמונים – מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק

פקס: 03-5055919

9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### די קרוין פון די נשמה יתירה

**"וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת אֹתָם; שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ"** (לה א-ב)

זאגט דער **חיד"א**:

די חכמים זאגן (שבת פח א) אז נאכן זינדיגן מיטן עגל האט מען אוועקגענומען פון די אידן די צוויי קרוינען וואס זיי האבן באקומען ביי די מעמד הר סיני, ווען זיי האבן אויסגערופן 'נעשה ונשמע', און זענען איבערגעגעבן געווארן פאר משה רבנו.

זאגן די מקובלים אז משה רבינו צוליב זיין ענוה האט ער נישט גענומען די קרוינען פאר זיך, נאר ער היט זיי פאר די אידן, און יעדן שבת געבט ער זיי צוריק, און דאס איז די 'נשמה יתירה' וואס דער אויבערשטער געבט פארן מענטש יעדן ערב שבת (ביצה טז א).

דערפאר זאגן מיר ביי תפילת שחרית פון שבת: "ישמח משה במתנת חלקו כי עבד נאמן קראת לו כליל תפארת בראשו נתת בעמדו לפניך על הר סיני"; משה רבינו פריידט זיך זייער אין דעם טאג פון שבת, ווייל דעמאלטס איז ער באקרוינט נאר 'במתנת חלקו' - מיט די 'כליל תפארת' וואס דער אויבערשטער האט 'אים' געגעבן ווען ער איז געשטאנען אויף די בארג סיני, אן די צוגעלייגטע קרוינען וואס ער האט באקומען נאכן חטא העגל, ווייל ערב שבת האט ער זיי צוריק געגעבן פאר די אידן.

א רמז אויף דעם - זאגט דער חיד"א - ליגט אין די פאלגנדע פסוקים: "וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל"; "עדת" איז פון לשון 'עדי' וואס באדייט א תכשיט, א צירונג. נאכן חטא העגל האט משה צוזאמגענומען די אלע קרוינען וואס די אידן האבן פארלוירן. אבער צוליב זיין געוואלדיגע ענוה האט ער זיי געטרייסט און געזאגט: "שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ" - אויב ענק ווען אכטונג געבן שבת ווי עס דארף צו זיין, דעמאלטס "ביום השביעי" וועלן די קרוינען זיין "לכם".

'פני דוד' אות א

### ל"ט מלאכות ביי מעשה בראשית

**"שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַה' כָּל הָעֹשֶׂה בוֹ מְלָאכָה יוּמָת"** (לה א -ב)

פון דעם וואס די תורה שרייבט דער פסוק וואס זאגט אן דעם איסור פון טוהן א מלאכה אין שבת נעבן די פסוקים וואס רעדן פון מלאכת המשכן, לערנען ארויס די חכמים (שבת צז ב) אז שבת מעג מען נישט טוהן די ניין און דרייסיג מלאכות וואס האבן אויסגעפעלט צו די בויען פון די משכן.

דער **גר"א** ערקלערט אז די סיבה אז דווקא די ניין און דרייסיג מלאכות זענען אסור, ווייל מיט זיי האט דער אויבערשטער באשאפן דער וועלט ביי די ששת ימי בראשית, און פון זיי האט ער גערוהט אין דעם זיבעטן טאג. און לייגט צו, אז אקעגן די ניין און דרייסיג מלאכות, רעכנט אויס דער פייטן ביי די 'יוצרות' אויף פרשת שקלים, ניין און דרייסיג לשונות וואס ברענגען ארויס די פראצעס פון די בריאה: "אָז רָאִיתָ וְסִפַּרְתָּ. וְהֵכַנְתָּ וְחָקַרְתָּ. וּמָדַדְתָּ וְכַלְתָּ וְשָׁקַלְתָּ. וְאָמַדְתָּ וְצָבַרְתָּ. וּפָקַדְתָּ וְחָשַׁבְתָּ וְסִכַּמְתָּ. וּמָנִיתָ וְסָפַרְתָּ. וְקָצַבְתָּ וְחָרַצְתָּ וְגָזַרְתָּ. וְטִפַּחְתָּ וְשִׁעַרְתָּ וְהִבַּטְתָּ. וְהֵבַנְתָּ וְהִשְׂכַּלְתָּ וְשַׂרְתָּ וְסָקַרְתָּ. וְכָתַבְתָּ וְחָרַטְתָּ. וְחָקַקְתָּ וְצִיַּנְתָּ וְחָרַתָּ וְלִמַּדְתָּ וְהוֹדַעְתָּ וְחִוִּיתָ וְהוֹרֵיתָ. וְגָזַרְתָּ וְצִוִּיתָ וְקָרָאתָ וְעָנִיתָ וְדִבַּרְתָּ וְאָמַרְתָּ..."

'פאת השולחן' הקדמה

### 'כרוב' פון פריער און 'כרוב' נאכדעם

**"כְּרוּב אֶחָד מִקָּצָה מִזֶּה וּכְרוּב אֶחָד מִקָּצָה מִזֶּה מִן הַכַּפֹּרֶת עָשָׂה אֶת הַכְּרֻבִים מִשְּׁנֵי קְצוֹוֹתָיו"** (לז ח)

די **בעלי התוספות** שרייבן אז די אותיות פון די ווארט "כרוב" זענען די זעלבע פון די אותיות פון די ווארט "ברוך", אויב אזוי איז ווי עס וואלט געשטאנען אין פסוק: "ברוך אחד מקצה מזה וברוך אחד מקצה מזה". פון דא איז א רמז אויף דעם וואס מיר זאגן ביי קדושה, אז די מלאכים לויבן דעם אויבערשטן וקרא זה אל ה: "ברוך כבוד ה' ממקומו".

'תוספות השלם' על התורה

•

ביי איינס פון די באזוכן פונעם **'שפע חיים'** פון צאנז-קלויזענבורג ביים 'בית ישראל' פון גור. האט דער גערער רבי מכבד געווען דעם 'שפע חיים' מיט אביסל ווין צו טרינקען 'לחיים'. דער גאסט האט געבעטן פונעם גאסט-געבער זאל אים צולייגן ביז צו די שיעור פון א רביעית, זאגנדיג אז ער וויל זאגן א ברכה אחרונה.

אלץ א סמך צו זיין מנהג האט ער ציטירט דעם פסוק און אזוי געטייטש: דער מענטש דארף אויסרעכענען זיין עסן עס זאל זיין ווי דער שיעור וואס וועט אים ערמעגליכן: 'כְּרוּב ['ברוך'] אֶחָד מִקָּצָה מִזֶּה' - פארן עסן, ו'כְּרוּב ['ברוך'] אֶחָד מִקָּצָה מִזֶּה' - נאכן עסן".

'בצילא דמהימנותא' וישב תשס"ב עמ' 6

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### ענטפערן אמן – א עת רצון

טייערע ליינער!

איך האב זוכה געווען פון העכער די פלאטפארמע מיטטיילן מיט אייך געוויסע חשובע געדאנקען וואס הקב"ה האט מיך געשאנקען אין אסאך ענינים פון 'עבודה שבלב', און באזונדער אין די געוואלדיגע חשיבות פון די הייליגע ווארט 'אמן', א קליינע ווארט וואס מאכט א גרויסע רעוואלוציע.

דאס מאל וויל איך אייך פארלייגן א וואונדערבארן עדות וואס איך האב געהערט פון א תלמיד חכם, וואס האט מיר אזוי פארציילט: "פון אייביג אן, ווען איך באגעגן זיך אין א זאך וואס איך פלאג מיך צו פארשטיין, טו איך די עצה פון די חכמים (נדה ע ב): "יבקש רחמים ממי שהחכמה שלו". לעצטנס האב איך באשלאסן אינזין האבן אויף דעם ביים ענטפערן אמן נאך די ברכות אין וועלכע מיר לויבן און בעטן אויף פארשטאנד, דאס זענען: ברכות התורה וואס ווערן געזאגט ביי די ברכות השחר און ביי קריאת התורה, 'הנותן לשכוי בינה' - ביי ברכות השחר, און 'אתה חונן' - ביי חזרת הש"ץ.

"איך שטעל אוועק מיינע יסודות", זאגט מיר יענער תלמיד חכם, "אין די מאמר חז"ל (ברכות נג ב): 'גדול העונה אמן יותר מהמברך'; עס איז מיר קלאר אז די גרויסקייט פון אמן ווערט ארויסגעברענגט מיט דעם אז עס איז א עת רצון די תפילות זאלן אנגענומען ווערן". און טאקע אזוי, זאגט ער, פון דעם מאמענט וואס ער האט אנגעהויבן אזוי זיך צו פירן, האט ער געזען א געוואלדיגע ברכה אין זיין לערנען. אזוי ווייט אז זיין חברותא האט דאס געפילט, און האט זיך געוואונדערט אויף די ענדערונג...

איך האב געטראכט צולייגן צו דעם אז די ווערטער זענען מרומז אין די ווערטער פון חז"ל (ברכות ח א) וואס דרש'ענען אזוי דעם פסוק (תהלים סט יד): "ואני תפילתי לך ה' עת רצון אלקים ברוב חסדך ענני באמת ישעך", "אימתי עת רצון? בשעה שהצבור מתפללים". זעהט מען אז א תפילת הציבור האט א באזונדערע מעלה צוליב דעם אליין, אבער עס איז נישט קיין ספק אז איר גרעסטע מעלה איז ענטפערן אמן. די מערסטע זאך וואס זעהט זיך אן ביי א תפילה בציבור איז די פילע אמן'ס וואס מען ענטפערט; נאך די ברכות און די קדישים און נאך די הויכע שמו"ע.

די ווערטער זענען מרומז אין דער פסוק, תפילה בציבור איז א 'עת רצון' - ווייל: "ענני באמת ישעך" - ווייל מען ענטפערט אסאך מאל 'אמן', וואס באדייט 'אמת'!

און אויב מיר האלטן שוין דא, קען מען זאגן אז עס זעהט אויס אז ענטפערן אמן נאך די ברכה 'הגומל חסדים טובים לעמו ישראל' איז א ספעציעלע עת רצון אויף יעדע בקשה און וואונטש. השי"ת זאל העלפן און מיר אלע זאלן זוכה זיין צו אפענע און גוטע חסדים, אמן.

**מיט א רוף "ענני באמת ישעך"**

**א גוט שבת**

*יעקב דוד מארמארשטיין*

א וועבנטליבער ערציילונג אויף אמן און תפילה

# 'ידיד נפש' ביז כלות הנפש

די פאלגענדע ערציילונג האט דערציילט דער משפיע הגה"צ רבי אלימלך בידערמאן שליט"א, פונקט ווי הגה"ח רבי מענדל פוטערפאס זצ"ל האט עס דערציילט:

איינער פון ר' מענדל'ס גוטע פריינד, וואס זיין נאמען איז געווען ר' יעקב, איז פארטריבן געווארן צו א שווערע און ביטערן גלות צו די פארפרוירענע סיביר, צוליב דער 'שולד' פון לערנען תורה מיט תשב"ר. צוליב די 'הארבקייט פון די זינד', איז ר' יעקב פארטריבן געווארן צו א פארשטויסענע דארף אין איינע פון די העכסטע און פארפרוירענע בערג אין סיביר, א ארט וואו די זון שיינט נישט פאר עטליכע מאנאטן אין א צי', און די טעמפעראטור קענען אראפגיין ביז פערציג גראד אונטער נול און נאך מער.

אנגעקומענדיג אין יענעם ווייטן דארף, איז ר' יעקב געפירט געווארן צו א פארלאזטע כאטקע וואס האט געהאלטן ביים איינפאלן, וואו ער האט געזאלט דארט וואוינען אין די יארן פון גלות. דאס הארץ איז אים צובראכן געווארן בײ זיך. דער שרעקליכער קעלט און שטענדיגער הונגער, וואס האבן געזאלט אים דראען פון יעצט אן אויף זיין גשמיות'דיגן עקזיסטענץ, האט אים נישט אזוי באריערט, ווי דער פאקט אז ער האט נישט געהאט בײ זיך קיין ספרים אדער תשמישי קדושה וואס זענען נויטיג געווען פאר זיין גייסטיגן עקזיסטענץ. נאר איין הייליגע זאך איז געלונגען פאר ר' יעקב אריינשמוגלען טראץ די שטרענגע אויגן פון די פארשאלטענע סאוועטן, דאס איז געווען די 'תפילין של יד' וואס ער האט אפגעהיטן ווי די שווארץ אפל פון זיין אויג.

עס האט זיך דערנענטערט שבת קודש, די ערשטע שבת פון זיין אין סיביר. שבת קודש נאכמיטאג, האט ר' יעקב פארלאזט זיין כאטקע אויף א קורצע 'שפאציר'. ווען ער האט זיך אביסל דערווייטערט פון דער כאטקע צו די פארפרוירענע שטרעקע'ס וואס האבן זיך צושפרייט איבער די גאנצע האריזאנט, האט ער פלוצים דערהערט א קלאנג פון זינגען. דאס קול האט זיך געהערט פון דערווייטנ'ס, אבער די ווידער-קול האט דערגרייכט ביז צו אים.

ווען ר' יעקב האט זיך דערנענטערט צו דער מקור פונעם קלאנג, האט ער שוין געקענט אויפכאפן, אז עס רעדט זיך פון א אידישער ניגון פול מיט בענקעניש און השתפכות הנפש. ער איז נאכגעאנגען דעם קלאנג, וואס האט זיך געשטארקט, ביז ער איז אנגעקומען צו א אנדערע פארלאזטע כאטקע, וואס האט זיך געפונען ביים ענק דארף.

די טיר פון די כאטקע איז געווען האלב אפן, און ווען דער איד האט אריינגעקוקט אין איר, האט ער זיך געוואונדערט צו זען א עלטערער איינגעבויגענער איד, מיט לאנגע האר, זיצן נעבן זיין ליידיגן טיש ווען זיין קאפ איז אריינגעבויגן אין זיינע הענט, איננאנצן איינגעזונקען אין זיינע געדאנקען, און זינגט מיט געפיהל און ברען דעם וואונדערבארן ניגון "ידיד נפש אב הרחמן".

ר' יעקב האט געעפנט די טיר און אריין אין כאטקע. יענער אומבאקאנטער איד האט פארגעזעצט זינגען פול מיט בענקשאפט צו זיין פאטער אין הימל, און האט גארנישט געפילט אדער באמערקט אז ער איז אריין. אויך דערנאך וואס ר' יעקב האט זיך צוועקגעזעצט אויפן ליידיגן בענקל נעבן די טיש, איז דער איד נאך אלץ געווען פארזינקען אין זיינע געדאנקען, און האט נישט באמערקט דעם גאסט.

דער אומבאקאנטער איד איז ווייטער געווען פארזינקען אין זיינע געדאנקען אפילו נאכדעם וואס ר' יעקב האט צוגעמאכט די אויגן און זיך אנגעשלאסן אין דעם רירנדן געזאנג: "נפשי חולת אהבתך... נכסוף נכספתי לראות בתפארת עוזך". איבער א שעה האט זיך געצויגן זייער בשותפות'דיגן געזאנג, די ווערטער פון דעם הייליגן פיוט וואס רבי אלעזר אזכרי האט פארפאסט האבן געשוועבט אין די גרויסע סיביר, און אויסגעדריקט די הייליגע געפילן און דער גלוסטעניש צו פילן א קרבת אלוקים, וואס האט פאראייניגט צוויי אידן וואס זייער גורל האט געברענגט זיי זאלן זיין צוזאמען אין סיביר. ערשט ווען דער געזאנג האט זיך געענדיגט, האט דער אומבאקאנטער געעפנט די אויגן, אויפגעהויבן דעם קאפ און זיין שיינע געשטאלט האט זיך אנטפלעקט פאר ר' יעקב.



ארעסטאנטן לאגער אין סיביר

עטליכע סעקונדעס איז יענער געווען דערשטוינט פון דעם גאסט וואס איז אריין אין זיין כאטקע, אבער ער האט זיך גלייך געכאפט. ער האט אויפגענומען ר' יעקב'ן מיט א שמייכל אויפן פנים, זאגנדיג:

"עס איז שוין צוואנציג יאר אריבער זינט דעם טאג וואס איך בין אהער פארטריבן געווארן, און פון דעמאלט ביזן היינטיגן טאג האבן מיינע אויגן נישט געזעהן די געשטאלט פון א איד, איך בין אהער געקומען אן קיין תשמישי קדושה, און פון די טאג וואס איך בין אהער אנגעקומען האב איך נישט געלייגט קיין תפילין און אנגעטוהן א טלית, איך בין נישט געזיצן אין א סוכה און נישט געהערט קיין קול שופר, ברוך השם וואס האט צוגעשיקט צו מיין וואוינונג א איד מיט א שיינע צורה ווי איר, און איך בין שטארק פרייליך פון דעם. אפשר וועל איך יעצט זוכה זיין צו לייגן תפילין, און אפשר אפ־ך טראגן ציצית, נאך אזפיל יאר וואס איך האב צו דעם נישט זוכה געווען?" - האט דער איד אויסגעפירט זיינע ווערטער מיט בענקעניש.

דער מענטש האט גערעדט מיט התרגשות, און זיין גאסט האט אים געמוזט אביסל אנטוישן, ווען ער האט אים געזאגט, אז ער פארמאגט נישט קיין ספרים אדער תשמישי קדושה, אויסער א תפילין של יד וואס איז אים געלונגען צו ראטעווען, ווען די תפילין פון ראש האבן די שלעכטע סאוועטן פון זיין קאפ אוועקגע'גנב'עט ביים אנקומען קיין סיביר.

ר' יעקב האט זיך געזעגנט פון דעם מענטש מיט א צוזאג, אז מארגן וועט ער זיך אומקערן און מיט ברענגען די תפילין של יד כדי ער זאל עס קענען לייגן.

צומארגנ'ס איז ר' יעקב צוריק צו די ווייטע בודקע ווען די תפילין זענען ארומגעדרייט ארום זיין האנט, כדי פרעמדע אויגן זאל עס נישט זעהן. ביים אריינקומען האט ער געטראפן דעם זעלבן אומבאקאנטן איד, זיצן נעבן טיש, איננאנצן פארטראכט. "איך האב נישט געקענט שלאפן א גאנצע נאכט פון בענקעניש צו די מצוה", האט ער געזאגט מיט התרגשות, "צוואנציג יאר ווארט איך אויף דעם מאמענט", האט ער צוגעגעבן, און תיכף אויסגעשטרעקט זיין האנט, ווען ער דאנקט השי"ת מיט געפיל אז ענדליך האט ער זוכה געווען לייגן תפילין.

ר' מענדל'ס חבר האט אראפגענומען די תפילין פון זיין האנט, און זיי געלייגט אויף די האנט פון דעם אומבאקאנטן איד, און ער האט באלד אנגעהויבן זאגן די ברכה מיט א הויכע שטימע און געלאסן, ווען טרערן רינען פון זיינע אויגן: "ברוך אתה ה' אלוקינו מלך העולם אשר קדשנו במצוותיו וציונו ל-ה-נ-י-ח ת-פ-י-ל-י-ן". ר' מענדל האט געענטפערט 'אמן' מיט התרגשות, און האט אנגעהויבן צובינדן די רצועות אויף דער מאגערער האנט פון דעם מענטש.

ווען די תפילין זענען געווען פעסט צוגעבונדן אויף זיין האנט, האט דער מענטש צוגעמאכט די אויגן און אנגעהויבן זאגן שמע. די ווערטער "שמע ישראל" זענען ארויס פון זיין מויל זייער שטייט, קלאר און לויטער, אבער זיין שטימע האט זיך צוביסלעך פארלאשן. ער האט קוים פארענדיגט דעם ערשטן פסוק, און זיין קאפ איז אראפגעפאלן.

די אויסגעלויטערטע נשמה פון דעם אומבאקאנטן איד איז ארויס ביים זאגן 'אחד'.

אסאך יארן שפעטער, ווען ר' מענדל פלעגט דערציילן די מעשה פאר זיינע צוהערער, פלעגט ער ענדיגן מיט זאגן:

"מיינע גוטע פריינד, יעדער פון אייך זאל זיך אליינ'ס פרעגן, ווי אזוי וואלט ער אפסגעזען ווען ער וואלט געזיצן צוואנציג יאר אליין אן מקיים אפילו איין מצוה? וואלט זיין נשמה זיך געבענקט ביים זאגן 'ידיד נפש אב הרחמן', ווי יענער איד?

און יעצט ווען מיר זיצן רואיג און צופרידן, ווען מיטן אויבערשטנ'ס הילף האבן מיר אלעס, צוזאמען מיט נחת און הרחבת הדעת, איז אוודאי אז אויף אונז ליגט אויפצוהייבן א קול פון די טיפענישן פון אונזער הארצן:

**'ידיד נפש אב הרחמן, משוך עבדך אל רצונך!'"**

'זמירות לשבת קודש - באר החיים' עמ' שנז

# דרך אמונים

הלכות פון ענטפערן אמן

## די הלכות פון 'אמן יתומה'

### ענטפערן אמן "תוך כדי דיבור"

**א. מען דארף ענטפערן אמן באלד נאכן ענדיגן זאגן די ברכה. אויב האט ער זיך פארזוימט נאכן ענדיגן די ברכה מער פון די שיעור 'כדי דיבור' דריי אדער פיר ווערטער, זאל ער נישט ענטפערן אמן, און אויב ער האט געענטפערט איז עס א 'אמן יתומה'.**

מקורות וביאורים:

דער 'אבודרהם' (שמונה עשרה) ברענגט אז עס זענען דא וואס טייטשן די גדר פון 'אמן יתומה' ענטפערן אמן "א לאנגע צייט נאכן ענדיגן די ברכה", אזוי ווי א יתום האט נישט קיין פאטער, אזוי האט נישט די אמן א ברכה. לויט זיי דער פעלער וואס די 'אמן יתומה' האט, איז נישט מיט נישט הערן אדער נישט וויסן די ברכה (אזוי ווי עס איז ערקלערט אין ירושלמי ברכות ח ח. און זעה 'שדה יהושע' מגילה פרק א סוף הלכה יא וואס ער טוהט קאמענטארן אויף זייער שיטה פון דער ירושלמי), נאר דער הפסק צווישן די אמן און די ברכה. דער 'משנה ברורה' ('ביאור הלכה' שם ד"ה מיד) איז מדייק פון זיינע ווערטער אז דער איסור פון ענטפערן אמן איז נאר "נאכן זיך פארזוימען א לאנגע צייט נאכן ענדיגן די ברכה", אבער אויב ער האט זיך נישט פארזוימט אסאך צייט, איז עס נישט קיין 'אמן יתומה', און אויך אויב ער האט זיך פארזוימט מער פון דער שיעור פון 'כדי דיבור'. אבער דער 'משנה ברורה' שרייבט (שם לד) אז להלכה נאכן זיך אויפהאלטן מער פון 'כדי דיבור' פון די אויספיר פון די ברכה זאל מען נישט ענטפערן אמן, און אויב ער האט געענטפערט איז עס א 'אמן יתומה', אזוי ווי דער 'פרי מגדים' פסק'נט (שם א"א יד), און אזוי ווי עס זעהט אויס פון דער רמ"א (קכד ח) וואס שרייבט: "און ער זאל נישט ווארטן מיטן ענטפערן אמן, נאר באלד נאכן ענדיגן די ברכה זאל ער ענטפערן אמן". אבער אויב ער האט זיך פארזוימט נאכן ברכה ביז דער שיעור פון "כדי דיבור" (אריינגערעכנט), זאל ער ענטפערן אמן, ווייל א הפסק פון אזא שיעור ווערט נישט גערעכנט פאר א הפסק ["תוך כדי דיבור כדיבור דמי" (ראה ב"ק עג א)], און עס ווערט גערעכנט ווי ער האט געענטפערט אמן באלד נאכן ענדיגן די ברכה. מען דארף צו צייכענען אז כאטש די דעה פון די וואס האלטן אז מען דארף ענטפערן אמן באלד נאכן ענדיגן די ברכה אלץ דער דין פון 'אמן יתומה' ווערט געברענגט להלכה נאר אין רמ"א און נישט אין שולחן ערוך, אבער פון די ווערטער שפעטער פון דער 'שולחן ערוך' (שם יא) זעהט אויס אז אויך לויט אים דארף מען ענטפערן אמן באלד נאכן ענדיגן די ברכה (וראה משנה ברורה שם מב).

אין מסכת ב"ק (עג ב) ווערט געברענגט אז "תוך כדי דיבור" איז א צייט וואס עס פעלט אויס פאר א תלמיד זאל קענען באגריסן זיין רבי'ן, מיטן זאגן די פיר ווערטער: "שלום עליך רבי ומורי". אבער עס זענען דא ראשונים וואס זענען נישט גורס די ווארט "ומורי", און לויט זיי, דער שיעור "תוך כדי דיבור" איז א צייט וואס עס פעלט אויס צו זאגן נאר דריי ווערטער: "שלום עליך רבי" (ראה רא"ש שם ז ז, ו'פלפולא חריפתא שם ז). ווי געזאגט, די פוסקים שרייבן אז מען דארף מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן "תוך כדי דיבור" פון די ענדע פון די ברכה. דער 'משנה ברורה' (קכד לד) האט נישט מכריע געווען וואס איז דער צייט פון "תוך כדי דיבור", נאר ער שרייבט: "די שיעור פון תוך כדי דיבור איז א מחלוקת הפוסקים: עס זענען דא וואס זאגן דריי ווערטער, און עס זענען דא וואס זאגן פיר ווערטער". אבער אין ספר 'שער העין' (עמ' תמא) ווערט געברענגט די הכרעה פון הגר"ח קניבסקי אז דער שיעור איז "כדי דיבור" פון דריי ווערטער, דערנאך וואס דער משנה ברורה האט אזוי מכריע געווען אין אנדערע ערטער (רו יב, וב'שער הציון שם י; תפז ד; תקפב ז), און אזוי פסק'נט דער רמב"ם (שבועות ב יז) און רוב אחרונים (ראה 'שער הציון' תפז ג).

•

**ב. א מענטש וואס געפונט זיך צווישן א ציבור וואס ענטפערן אמן, מוז ער זיך צושטעלן און ענטפערן מיט זיי כל זמן רוב פון די ציבור האבן נישט געענדיגט ענטפערן, כאטש עס איז אריבער די שיעור 'כדי דיבור' פון די ברכה. ווייל ענטפערן אמן איז א טייל פון די ברכה, און ווי לאנג רוב ציבור האבן נישט געענדיגט ענטפערן אמן, ווערט עס פארערעכנט אז די ברכה האט זיך נאכנישט געענדיגט.**

מקורות וביאורים:

שולחן ערוך קכד יא; משנ"ב שם לד. דער ט"ז (שם ו) קריגט אויפן 'שלחן ערוך' און האלט אז אויך אויב דער ציבור האט שוין געענדיגט ענטפערן אמן דארף מען ענטפערן אמן, ווייל ענטפערן אמן איז א טייל פון די ברכה, און נאר ביים ענדיגן ענטפערן אמן אויף די ברכה ענדיגט זיך די ברכה, און אזוי ווי מען ענטפערט אמן נאך וואס דער מברך ענדיגט די ברכה, אזוי קען מען אויך ענטפערן אמן דערנאך וואס דער ציבור ענדיגט ענטפערן אמן. דער 'ביאור הלכה' (שם ד"ה וקודם) שרייבט אז לויט וואס הגרעק"א און דער 'מגן גיבורים' האבן אפגעלערנט פשט אין די ווערטער פון 'שולחן ערוך' קומט אויס אז אויך לויטן 'שלחן ערוך' קען מען ענטפערן אמן דערנאך וואס רוב ציבור האט געענדיגט ענטפערן, אבער ער בלייבט מיט א 'צריך עיון' צי מען קען זיך פארלאזן אויף דעם להלכה למעשה.

# דזי אמונים

פערל ווערטער פון אמן אין די פרשה

## משה רבינו ווערט אנגערופן 'איש אמונות'

"אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן מִשְׁכַּן הָעֵדֻת אֲשֶׁר פֻּקַּד עַל פִּי מֹשֶׁה עֲבֹדַת הַלְוִיִּם בְּיַד אִיתָמָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן" (לח כא)

אין די פרשה ווערט אויסגערעכנט די סכום פון גאלד, זילבער און קופער וואס דער פאלק האט געגעבן פאר משה צו קענען בויען די משכן. און דער מדרש דרש'נט (שמו"ר נא א) אויף משה רבינו דעם פסוק (משלי כח כ): 'אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת'; ווייל די תרומות וואס די אידן האבן געברענגט צו די מלאכת המשכן האט מען איבערגעגעבן פאר משה וואס איז געווען א נאמן, האבן די אידן פארמערט צו ברענגען זייער תרומה, און דורך דעם איז פארמערט געווארן די ברכה ביי די מלאכת המשכן (ע"פ 'עץ יוסף' שם).

נאך א סיבה אויף דעם וואס משה ווערט אנגערופן 'איש אמונות' ערקלערט דער ספר 'נחמד מזהב':

רבי יחזקאל'ע קאזמירער טייטש דעם מאמר חכמים (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך", ווייל דער וואס ענטפערט אמן וויל אז די ברכה פון זיין חבר זאל מקויים ווערן, און גלוסט נישט אז ער זאל זיין דער מברך, דערפאר איז ער גרעסער פון דער מברך. לויט דעם קען מען ערקלערן אז משה רבנו וואס איז געווען דער עניו מכל אדם ווערט אנגערופן "אִישׁ אֱמוּנוֹת", ווייל ער האט נישט געגלוסט אליין צו זאגן א ברכה, נאר ער האט מקפיד געווען צו ענטפערן אמן אויף די ברכות פון די אידן כדי זיי זאלן מקויים ווערן.

דער 'חסד לאברהם' פון ראדאמסק לייגט צו אז אויך דער נאמען פון משה איז מרמז אויף די ווארט 'אמן', ווייל די סופי תיבות פון די מילוי פון די אותיות 'משה' - מ"ם שי"ן ה"א זענען 'אמן'.

'נחמד מזהב' פקודי; 'חסד לאברהם' תצוה

אין דער ענין דארף מען אנצייכענען צו די רייד פון בעל 'מגלה עמוקות' וואס טייטש אז דער פסוק "אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת" קומט אונז לערנען אויף די מעלה פון דער וואס ענטפערט אמן וואס איז גרעסער פון דער מברך, אזוי ווי די חכמים זאגן (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך": "רב" איז טייטש גרויס, אזוי ווי עס שטייט (בראשית כה כג) "וְרַב יַעֲבֹד צָעִיר"; "אִישׁ אֱמוּנוֹת" - דער וואס ענטפערט אמן, "רַב בְּרָכוֹת" - איז גרעסער פון דער מברך.

'מגלה עמוקות' וישב

# מאוצרות אמונים

## די מעלה פון ענטפערן אמן

### דער וואס ענטפערט אמן גארטל'ט זיך אן מיט א גבורה

אין מסכת ברכות (נג ב) שטעלן צו די חכמים דעם מברך צו פשוטע סאלדאטן וואס הייבן אן די קאמף און דער וואס ענטפערט אמן צו די שטארקע וואס קומען נאך זיי און געווינען. רבינו בחיי ערקלערט אז די חכמים האבן צוגעשטעלט די מעלה פון דער וואס ענטפערט אמן מער פון דער מברך צו די מעלה פון דער גיבור אויפן שוואכן, ווייל דער וואס ענטפערט אמן איז "ממשיך כח ממקור הכוחות כולן, אשר משם יונק כח הגבורה, ומשם כח כל מתגבר" ('כד הקמח' ערך אמונה').

### ענטפערן אמן איז א עדות אויף די אמונה פון דער מברך

די מאמר חז"ל (נזיר סו ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך", ערקלערט רבי יוסף שאול נאטאנזאהן דער לעמבערגער רב אזוי:

די ראשונים שרייבן (ראה: שו"ת הרשב"א ח"ה סי' נא; רבנו בחיי דברים ח י) אז די יסוד פון א ברכה איז "תוספת וריבוי", ד.מ. צו זאגן, אז ווען דער מענטש לויבט דעם אויבערשטן, איז ווי דער מענטש לייגט צו כביכול כח און שטארקייט. אבער די כוונה איז נישט חלילה אז הקב"ה נויטיגט זיך אין די ברכה פון זיינע באשעפענישן, ווייל פון די יסודות הדת איז צו גלייבן אז "כל הנמצאים צריכים לו, והוא ברוך הוא אינו צריך להם ולא לאחד מהם" (רמב"ם יסודי התורה א ג), נאר ווען מיר לויבן דעם אויבערשטן געבן מיר כביכול אין אים א כח און א שטארקייט צו משפיע זיין אויף אונז ברכה און טובה. דאס איז די כוונה פון דער משורר וואס זאגט (תהילים סח לו): "א-ל ישראל הוא נותן עוז ותעצומות לעם ברוך אלקים"; כדי צו געבן כח, "א-ל ישראל הוא נותן עוז ותעצומות לעם", דארף מען זיך פלייסיגן אים צו לויבן - "ברוך אלקים".

די פאקט אז דער כוונה פון דעם מברך אין כדי זיין ברכה זאל צולייגן כח און שטארקייט ווען עס קומט אראפ די ברכה פון השי"ת דא אונטן, און עס איז בכלל נישט וויכטיג אויף אויבן חלילה, ערקלערט דער וואס ענטפערט אמן. ווייל פון זאגן די ברכה קענען מיר נישט פעסטשטעלן די כוונה פון דער מברך, אבער פון דער וואס ענטפערט אמן וואס באטאנט און דערקלערט די אמונה אין השי"ת'ס קעניגרייך, איז קלאר אז די ברכה איז געזאגט געווארן מיט די ריכטיגע פארשטאנד און מיט אמונה שלימה. און ווייל ענטפערן אמן טוהט פעסטשטעלן אז די ברכה איז געזאגט געווארן כדי עס זאל אראפקומען די ברכה פון השי"ת אויף די באשעפענישן, איז איר כח זייער גרויס צו ברענגען דער שפע מער ווי דער מברך, און דערפאר האבן די חכמים געזאגט "גדול העונה אמן יותר מן המברך" ('דברי שאול' נזיר סו ב).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

לכבוד די רעדאקציע פון די גליון 'וכל מאמינים'

ווייל ענקער גליון איז א וואונדערליכן פלאטפארמע צו מחזק זיין דאס ענטפערן אמן, האב איך געזעהן פאר פאסיג אייך צו בעטן מען זאל אראפברענגען וואונדערליכע ווערטער וואס איז האב געזעהן אין 'ילקוט מעם לועז' פר' משפטים (עמ' תשלא) איבער די מעלה פון ענטפערן אמן:

"דאס וואס מיר האבן געזאגט אז די שכר פון א ברכה איז צעהן זהובים, איז עס דווקא ווען ער זאגט הויעך די ברכה און איז מזכה די רבים צו ענטפערן אמן. און דאס איז די כבוד פון השם יתברך אים לויבן אקעגן א ציבור, אזוי ווי עס שטייט (משלי יד כח): 'ברב עם הדרת מלך'.

פון דא זאל זיך יעדער לערנען צו זאגן די ברכות פארן קהל מיט א הויכע קול, סיי ברכות הנהנין און סיי ברכות השחר, כדי דער עולם זאל ענטפערן אמן. איבערהויפט די ברכות בשעת'ן עולה זיין צו די תורה, וואס מן הדין מוז מען זיי זאגן בקול רם כדי די מענטשן זאל עס הערן. ווייל אויב מען זאגט עס צווישן די ציינער, זענען זיי ברכות לבטלה".

פון זיינע ווערטער זעהט אויס אז נאר א ברכה אויפן קול איז ווערד צעהן זהובים, צוליב צוויי מעלות וואס עס זענען דא מיטן עס זאגן דווקא אויפן קול: א. בין אדם לחבירו, ווייל מיט דעם איז דא א זיכוי הרבים מיטן ענטפערן אמן ב. בין אדם למקום, ווייל דער כבוד פון ה' איז אים צו לויבן בפני קהל ועדה. און מען קען צולייגן אז לויט רש"י וואס זאגט (ברכות מז א ד"ה עד) אז ענטפערן אמן איז א חלק פון די ברכה, איז זיכער אז מען קען זאגן אז מען באקומט נישט שכר פון צעהן זהובים אויף א ברכה אן קיין אמן, ווייל עס איז א פעלערדיגע ברכה.

איך האב געטראכט אז אויף דער ענין קען מען ממליץ זיין וואס די חכמים זאגן (מגילה יח א): "מילה בסלע משתוקא בתרי". אז נאר דורך שווייגן בשעת'ן זאגן די ברכה כדי צו ענטפערן אמן נאך דעם, איז מען זוכה צו א געדאפלטע פארדינסט.

מט שעצונג אויף אלע ענקערע אקטיוויטעטן

**עזרא טולידנו**
**ירושלים**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



די אידישע בית הקברות אין לעמבערג ווי עס איז חרוב. די בילד איז גענומען געווארן אין יאר תש"ב

### בעל 'שואל ומשיב'
### כ"ז אדר א' תרל"ה

רבי יוסף שאול נאטאנזאהן איז געבוירן געווארן אין ברעזשאן אין יאר תק"ע, אלס עלטסטער זון פון זיין פאטער רבי אריה לייבוש הלוי, דער מחבר פונעם ספר 'בית אל'. ער האט געלערנט תורה פון זיין פאטער, וואס ער דערמאנט אים אפט אין זיינע ספרים. נאך זיין חתונה מיט די טאכטער פון זיין פעטער רבי יצחק אהרן איטינגא, איז ער אריבער קיין לעמבערג, דארט האט ער געלערנט בחברותא מיט זיין שוואגער רבי מרדכי זאב איטינגא. אין לויף פון ארום פינף און צוואנציג יאר פון לערנען צוזאמען האבן די שוואגער'ס צוזאמען געשריבן עטליכע ספרים, צווישן זיי: 'מפרשי הים' - חידושים און הערות אויפן ספר 'ים התלמוד', 'מגן גבורים' אויפן 'שולחן ערוך' און 'מאירת עינים' אויף בדיקת הריאה.

אין יאר תרי"ז איז נפטר געווארן דער רב פון דער שטאט לעמבערג, רבי יעקב אורנשטיין, דער מחבר פון ספר 'ישועות יעקב'. רבי יוסף שאול איז אויסדערוועלט געווארן צו ערפילן זיין ארט, און האט געדינט אין די אמט בערך אכצן יאר, זיינע פיל תשובות האט ער צוזאמגענומען אין די סעריע בענדער שו"ת 'שואל ומשיב', וואס איז געווארן א אנגענומענער ספר להלכה. אויסער דעם האט ער מחבר געווען נאך ספרים, צווישן זיי די סעריע ספרים 'דברי שאול', על התורה, מועדים און אגדות הש"ס.

כ"ז אדר א' תרל"ה איז זיין נשמה ארויף אין הימל, און איז באערדיגט געווארן אין בית החיים אין שטאט לעמבערג. צווישן אנדערע האט מען אויסגעקריצט אויף זיין מצבה די פאלגנדגע ווערטער: "איש קדוש מרחם...יומם ולילה לא מש מאוהל של תורה, ליהודים היה עמוד אש, שמש מגן ואורה; כל שוכני תבל תורה בקשו מפיו וייחלו לאמרותיו הטהורות, ילידי שכלו רבו המה היו לישראל למאורות...".

### א ברכה וואס ווערט געענטפערט מיט א אמן

דערמיט וואס דער מענטש ענטפערט אמן אויף די ברכה פון זיין חבר, איז ער עדות אז זיין ברכה איז געזאגט געווארן מיט די ריכטיגע דעה און מיט אמונה שלימה, מיט א ציל צו עפענען שערי טובה און ברכה, דעריבער דוקא א ברכה וואס ווערט געענטפערט מיט א אמן האט א גרויסן כח צו משפיע זיין גוטע השפעות אויף כלל ישראל ('דברי שאול' נזיר סו ב).